פרשת מטות
שנה ג׳ - גליון קי״ט
שנת תשע״א לפ״ק

בעזהשי״ת

# קינדערגארטן וויעקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות
8:06
זמן מוצאי שבת
9:33
פרקי אבות - פרק ראשון

## קורצע זומער באריכטן

**עס האט** זיך ב״ה גוט איינגעגעבן אויף א שיינעם סדר דאס גיין שווימען אין חדר. אזוי געשמאק אפילו צוויי מאהל א וואך אלע כיתות און דריי מאל א וואך די קינדערגארטן כיתות אזוי פיין און געשמאק, א פיינעם וואסער, ווי מען קען זיך אביסל אפקילן. אפילו מיר האבן נאך אביסל מורא און אנפאנג, טוט אונז אבער מיין רבי אזוי שיין צו ווייזן מען שפילט זיך צוזאמען, מען קען כאפן א שפריץ, מען קען געבן א שפריץ, עס טאנצט זיך, עס הייבט זיך, מיט אזוי פיל הנאה.

**אזוי** ווי די וואך איז אויסגעפאלן דינסטאג שבעה עשר בתמוז ווען מען האט נישט געקענט גיין שווימען. זענען די כיתות וואס דארפן גיין שווימען דינסטאג, געגאנגען שווימען מאנטאג.

**עס איז** ריכטיג זיך איינצופירן אז די טריקענע אונטער וועש צום שווימען זאל מען תיכף צוריק שיקן דעם אנדערן טאג אינדערפרי אזוי עס זאל זיין גרייט אין חדר שטענדיג. ווי געמאלדן אין אן עקסטרען מעלדונג.

### א שפריץ אויפן באס!

**אזוי** ווי עס איז יעצט דא גאר הייסע טעג און אויף די באסעס איז נאך הייסער. האבן די באס רבי׳ס זיך מיטגענומען אויפן באס א באטל וואסער כדי צו קענען כסדר שפריצן אויף די קינדער עס זאל זיי נישט ווערן איבער געהיצט. אזוי אויך איידער מען גייט ארויף אויף די באסעס באקומט מען אן אייסעס ספעציעל וואס לאזט נישט איבער קיין קאליר אויף די קינדער. **מיר בעטן** זייער אז די עלטערען זאלן זיכער מאכן אפצווווארטן דעם באס אז די קינדער זאלן נישט דארפן ארום פארן מער ווי עס פעלט זיך אויס.

**ד׳ ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום.**

## חוני המעגל ביי אונז אין חדר

קינדערגארטן – פרי קינדערגארטן

**מיטוואך** נאכמיטאג נאך לאנטש רופט אויס דער מנהל הויעך: אז אלע קינדער מיט די רבי׳ס זאלן אראפ גיין אין הויף אויפן גאס. וועט מען דאווענען צוזאמען מיט חוני המעגל און בעטן פאר רעגן!. מיר פרייען זיך גאר שטארק צו די בשורה טובה, מיט וואונדער הערן מיר, מיט חוני המעגל?? מען שפאצירט אראפ שורות שורות מען קומט אן צום הויף אויפן גאס זאגט מיין רבי: אז ער גייט זיין חוני המעגל!! ער נעמט א טשאק און מאכט א רינג אויפן גאדער אלע קינדער גייען אריין אין דעם רינג. צוזאמען הייבן אלע



קינדער אן בעטן עס זאל שוין רעגענען עס איז זייער הייס! אביסל רעגן! אביסל רעגן! קודם האט געשפריצט קליינע טראפן וואסער, דערנאך האט פלוצלינג אנגעהויבן צו פליען גרויסע וואסער טראפן (וואסער באלאנ׳ס) אָה אַה איז דאס געווען א מחי׳ שטייענדיג אונטער די היצן אויפן גאס זענען מיר געווארן איינגאנצן באגאסן מיט א רעגן מיט וואסער.

**אין די** צוויי וואכן ווען מיר לערנען דעם באשעפער׳ס וואונדער פון וואסער – רעגן ביי **"השמים מספרים"** זענען מיר געוואויר געווארן אזוי פיל אינטערסאנטע ידיעות פיל מיט וואונדער וואס דער וואסער טוט פאר אונז. ביים שווימען האבן מיר הנאה פון דעם וואסער! ווען עס רעגנט וויסן מיר אז עס וועט וואקסן פיינע זאכן א.א.וו. אזא פיינע זומער חדר!!!

## מיר פארן טובל׳ן כלים!

**די וואך** ווען מיר האבן געלערנט אז א נייע כלי דארף מען טובל׳ן זענען מיר אליינ׳ס געפארן טובל׳ן א גלעזל. דאנערשטאג רופט דער מנהל אויס ביי פרישטאג אז אלע קינדער פון קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן וועלן היינט פארן אי״ה אויף א קליינע טריפ. אלע קינדער באקומען א גלעזל וואס מען דארף אכטונג געבן דערויף, מען גייט ארויף אויף די באסעס און מען פארט צו דעם גרויסן געשעפט **House & Home Hardware** ווי עס איז צוגעשטעלט א הערליכע כלים מקוה.

מיין **רבי** איז אונז שיין מסביר אז ווען א טאטע אדער מאמע וויל קויפן נייע קאפ'ס אדער לעפל'עך אדער טעלער'ס א.ד.ג. קומט מען צו די שיינע גרויסע געשעפט און מען קויפט די נייע געשיר. און גלייך גייט מען צו די מקוה און מען טובל'ט דאס. אזוי האבן מיר צו שפאצירט אין א שיינע שורה צו די מקוה. מיין רבי האט געהייסן אז אלע קינדער זאלן אויפהייבן די נייע גלעזל אין די הענט און מען איז ארויף אפאר קליינע סטעפ'ס, אזוי האבן מיר אליינ'ס גע'טובל'ט אונזער גלעזל. דערנאך האבן מיר זיך שיין באדאנקט פאר די אייגענטומער **הרה"ח ר' מאיר יוסף סעגעדין הי"ו** פארן אונז לאזן שיין ניצן זיין כלים מקוה און ער האט אונז געגעבן א גוטע זאך. השי"ת זאל אייך העלפן מיט ברכה און הצלחה מיט אסאך נחת פון אייערע קינדער געזונטערהייט.

## חכמה'לעך!

ווען **ישראל יודא'לע'ס** טאטע האט איהם שבת געוויזן די הלכות שבת ארט'ס וואס ער האט געמאכט אין חדר און געפרעגט אויב מען מעג רייסן גראז האט ער געענפערט: יא! זעהסט מיין רבי האט עס אפי' גערִיסן. און מ'מעג עס אויך צוקלעבן אז ס'זאל נישט אראפ פאלן.

ווען מען האט געפרעגט **וואלווי** וועלכע סדרה גייט די וואך האט ער געענפערט פנחס. און ער פרעגט ווי איז בלק?

ווען מען האט געזאגט די ברכה פון אשר יצר אין חדר, האט די רבי מסביר געווען פאר די קינדער אז יעדע טאג אינדערפרי דארף מען זאגן די ברכה אשר יצר ווייל מען שטייט אויף ווי א נייע מענטש. ביינאכט איז מען מיד, און מען האט נישט קיין כח. אבער צופרי, מאכט דער באשעפער א "נייע מענטש" אויסגערוהט מיט פרישע כוחות. רופט זיך אן **שמעון'לע** אז אויב שטייט מען אויף אויף די לינקע זייט איז מען נישט א נייע מענטש און מען דארף נישט זאגן אשר יצר...

ווען מען איז געווען ביי די כלים מקוה מיט די קינדער האט די מנהל געזאגט מיט די קינדער: אז דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין הצלחה אין דעם געשעפט. רופט זיך אן **יעקב משה'לע** אז הצלחה איז א גראסערי...


די קינדער אין די געשעפט טובל'ן כלים


די נייע סווימינג פול'ס

**קול רנה וישועה באהלי צדיקים**
ברכת מזל טוב לכבוד
**כ"ק מרן רבינו שליט"א**
**ולבנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**
לכבוד די שידוך שליסן פון זיין זוהן
**ווי עס וואונטשן סאטמאר קינדערגארטן**


די קינדער אין די געשעפט טובל'ן כלים

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**הערשל ב"ר יחיאל נפתלי באב"ד ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל שמאיע שליט'א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יעקב דוד ב"ר יוסף לאקס ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד שמואל גאלדבערגער שליט'א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מרדכי ב"ר ליפא וואהלבערג ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יעקב מאיר סרוגא שליט'א
און רבי שלום יצחק שעהר שליט'א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יושע ב"ר יצחק יודא קליין ני"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אשר בערגער שליט'א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**דוד הערש ב"ר ליפא וואהלבערג ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אשר בערגער שליט'א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מנחם ישראל ב"ר בעריש ליכטמאן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל הערש שפיטצער שליט'א
און רבי יוסף הערשקאוויטש שליט'א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**דוד יוסף זאב ב"ר בעריש ליכטמאן ני"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שלמה ניסן שליט'א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**